Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

**Najer Folksblat** — פּרייז 20 גראָשען — **היינט 8 זייטען!**

# נייער פאלקסבלאט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

Nr. 233 (925 | Łódź, Środa 13 Października 1926 | פירטער יאָהרגאַנג | לאָדז מיטוואָך ה מרחשון תרפ״ז. | Nr. 233 (925

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel. 24-71

# איז פּראָצענט אומזאַץ-שטייער

## וועלען הורטאָווניקעס צאָהלען פון ערשטען נאָוועמבער אָן.

וואַרשאַ, 12 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט). היינט האָט בעזוכט דעם פינאַנץ-מיניסטער, דער דעפּ. ווישליצקי.

ער האָט אַרומגערעדט די פראַגען וועגען רעפאָרמירען דעם אומזאַץ-שטייער, און בעקומען אַ גענויע ערקלעהרונג, אַז פון ערשטען נאָוועמבער אָן, וועלען די הורטאָווניקעס בלויז צאָהלען 1 פּראָצענט.

דערנאָך האָט דער מיניסטער ערקלעהרט, אַז ס׳וועט איינגעפיהרט ווערען אַ „ריטשאַלט" ביי די האַנדווערקער און קליינהענדלער.

וואָס שייך דעם איינמאָליגען שטייער פון אומזאַץ, וועט ער, דער מיניסטער נאָך פיהרען אַ גאַנצע רייהע אונטערהאַנדלונגען מיט די סוחר׳ישע אָרגאַניזאַציעס.

## ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע קומט קיין וואַרשא.

וואַרשאַ, 12. (טעלעפאָניש). מיטוואָך קומט קיין וואַרשאַ דער וועלטבעריהמטער אינדישער שריפטשטעלער און דענקער ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע.

עס ווערט פאַר איהם צוגעגרייט אַ פייערליכע אויפנאַהמע.

טאַגאָרע וועט אין וואַרשאַ האַלטען אַ רעפעראַט דורכ׳ן ראַדיאָ.

## אין פינאַנץ-מיניסטעריום.

וואַרשאַ, 12 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספּאָנדענט) היינט וועלען אונטערגעשריבען ווערען די נאָמינאַציעס פון פינאַנץ-מיניסטעריום, דורך וועלכע אַלס דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר געלד-אומזאַץ וועט זיין בעשטימט באַראַנסקי, און אַלס דירעקטאָר פאַר׳ן פּרעזידיאַלען-דעפּאַרטאַמענט – סטאַזשינסקי.

## דיוהאַמעל ענטלויפט...

וואַרשאַ. 12. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) צוליב די מיאוס׳ע אָנפאַלען פון דער פּוילישער פּרעסע אויף דעם פראַנצויזישען גאַסט דעם בעריהמטען שריפטשטעלער און מענשען-פריינד, זשאָרזש דיוהאַמעל, וועלכער איז געקומען קיין פּוילען כדי צו בעקענען זיך מיט לעבען אין די תפיסות, וואו עס זיצען פּאָליטישע אַרעסטירטע.— פערלאָזט מאָרגען דיוהאַמעל וואַרשאַ.


## 8-טונג שניידער-מייסטער
### פון דאַמען און הערן בעשטעלטע פאַכען.

צוליב די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען פון 50 – 40 מצד די אַרבייטער, פאָדערען מיר אויף אַלע מייסטער פון דאַמען און מענער בעשטעלט אומבעדינגט צו קומען אויף דער

## פערזאַמלונג,

וואָס קומט פאַר היינט, מיטוואָך, דעם 18-טען אָקטאָבער 8 אָוונט פּינקטליך

די פאַך-קאָמיסיע. 1473

## קומט און איבערצייגט אייך!

אַלער אַרט ביטעס, פּאָדאַניעס, רעקורסען, אַפּעלאַציעס און אַלע געריכטס, פינאַנס, אַדמיניסטראַטיווע און קאָמונאַלע אינסטאַנציעס ווערען אָנגעשריבען, אַמביליגסטען און אַמשנעלסטען ערלעדיגט אין ביוראָ

## „פּאָלאָניאַ" אַלעיאַ 1 מאַי 7.

וויכטיגע בעמערקונג: טעגליך פון 5 ביז 7 ווערען ערטיילט עצות און אָנווייזונגען אין אַלע שטייער-אַנגעלעגענהייטען דורך ה׳ לעאָן שווייצער איבערזעצונגען: האַנדעלס- און פּריוואַט-קאָרעספּאָנדענץ, קאָנטראַקטען. פּראָטעסטירטע וועקסלען ווערען אָנגענומען אויפצומאָנען מיט אייגענע קאָסטען. מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען צאָהלען 25% בילינער.

מיר בעטען איבער סאָלניק מיט זיין פּרויי פאַר די בעליידיגונג

1471 ווילצקאַ מכי.

## שפּאָרט געלד!

אַלטע בינדעס, קראַוואַטען ווערען איבערגעמאַכט אויף שלייפלען און קראַוואַטען

ביי הע״שקאָווסקי

וואָלבאָרסקאַ 31.

Dr. med.

M. GLAZER

ul. ZIELONA Nr. 6 טעל. 45–49

הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען.

נעמט אָן פון 8-9.30, 12–2 און 7–8 אָוו. 689

Dr. Z. Rakowski

ספּעצ. פאַר אויערען, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקע.

9 קאָנסטאַנטינאָווסקאַ 9

טעלעפאָן 27-81

ספּעציעלער קורס פאַר שטאַמלער.

שפּרעכשטונדען פון 2 ביז 2 און פון 5–7. 175

נעהמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאָכמ.

Dr. med. W. EYCHNER

פרויען-קראַנקהייטען און אַקושעריע

זגערזשער 38, טעל. 34-72

נעהמט אָן אין דער לעטשניצע פּעטריקאָווער 294 פון 12 ביז 2 מיטאָג, אין דריים פון 6–8 אָוונד, זונטאָג—פון 11 ביז 12 מיטאָג.

Dr. PRYBULSKI

צוריקגעקעהרט – זאַוואַדזקאַ 1, טעל. 25-38.

וועגערישע- און האָר- הויט - קראַנקה מענער-שוועכע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספאַל), רענטגען-שטראַהלען. – נעמט אָן 9–1, 4–8 אָוו., דאַמען: 4–5




## פאַר ווירטינס אָנגעשטרענגטע מיט אַרבייט

דאָס נייע זעלבסט-וואַשענד מיטעל ראַדיאָן איז אַ ווירקליכע ברכה. דורך בענוצען ראַדיאָן פערשפּאָרט מען די שווערע אַרבייט מיט די ברעט. די וועש דאַרף מען איינווייקען און דערנאָך אויסקאָכען אין ראַדיאָן, דאָס גענוג, כדי צו מאַכען די וועש שניי-ווייס.

**RADION**

מאַכט אַבסאָלוט נישט צושאַנדען די וועש.

| I. | II. |
|---|---|
| „Saturnia" Sp. Akc. Wydział „Radion" Warszawa Skrzynka pocztowa 149. | Proszę o nadesłanie bezpłatnej próbki „Radion" Nazwisko: . . . . . . . . Miejscowość: . . . . . . . Bliższy adres: . . . . . . . „Najer Folksblat" |

דעם קופּאָן נומער 2 דאַרף מען אויסשנײַדן און אויפקלעבען אויף דער טעקסט-זייט פון פּאָסט-קאַרטעל און דעם קופּאָן נומער 1 — אויף דער זייט פון דער אַדרעס.

„SATURNIA" Sp. Akc. Warszawa :אַלגעמיינע פּראָדוצענטען

B Buchholtz i S-ka, Aleja Kościuszki 21 :פערטרעטער אויף לאָדז און אומגעגנד

דאָס אומזיסטע דעמאָנסטרירען פון וואַשען מיט „ראַדיאָן" קומט פאַר:

היינט מיטוואָך, דעם 13. אָקט. אין סקלאַד אַפּטעקאַרסקי פון סט. פליוואַצקאַ, בענעדיקטאַ 2

דאָנערשטאָג, דעם 14. אָקט. אין דער פּערפומעריע „קאָסמאָס", פּעטריקאָווער 60

פרייטאָג, דעם 15. אָקט. אין דער פּערפומעריע פון ה. רעכטמאַן, פּעטריקאָווער 207

שבת, דעם 16. אָקט. אין דער פּערפומעריע פון י. ליפּינסקי, פּעטריקאָווער 50.

1469


נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען מיין ליבע און אונפערגעסליכע מוטער, אונזער טייערע טאָכטער, שוועסטער און נעפין

נ״ע

# סאָלאַ אויערבאַך

(בת ר׳ דוד נ״י בוימגאַרטען)

אין בליהענדען עלטער פון 28 יאָהר.

די לויה קומט פאַר היינט, מיטוואָך דעם 13 ד. ח. פּינקטליך 1 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז צגעלניאַנאַ 66, וועגען וואָס עס טיילען מיט

די טיעפבעטרויערטע הינטערבליבענע.

1469

